# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית נתנדב

**לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פריידל**

## פרשת מקץ

# דער וואס שטייט אונטער אלעם

**פרנס השבוע**

נדבת השבוע נתנדב

לעילוי נשמת

**מוה"ר יצחק אפרים ב"ר צבי יעקב קאפל ז"ל**

ת.נ.צ.ב.ה.

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטש

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת מקץ

שנה ג'

# דער וואס שטייט אונטער אלעם

תוכן:

חלק א. תנ"ך איז ווי א קייט - חלק ב. די קייט וואס האט גרויס געמאכט יוסף
חלק ג. די קייט אין אונזער לעבן

## חלק א. תנ"ך איז ווי א קייט

### פלוצלינג דערהויבן געווארן

ארויסגייענדיג פון פרשת וישב, אריינפארנדיג צו פרשת מקץ, פילט זיך ווי מיר פארן אויף א ראלער קאוסטער - עס דרייט זיך די קאפ. בלויז פאריגע וואך איז יוסף אריינגעווארפן געווארן אין תפיסה און פלוצלינג וַיָּבֹא אֶל פַּרְעֹה - שטייט ער פאר דעם קעניג פון מצרים צו באשיידן זיינע חלומות. און ער געבט אזא קנאקעדיגע באשיידונג - אזוי פאסיג - אז פרעה גייט ארויס פון די כלים פון איבערראשונג!

הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ - "איז דען דא נאך אזא מענטש, איינער וואס האט דעם גייסט פון באשעפער אין אים?!" (מקץ מא:לח) "אין קיין שום פאל וועל איך נישט קענען טרעפן א פאסיגערער מענטש ווי דיר צו פירן מיין לאנד! זע! איך האב דיר געשטעלט איבער דאס גאנצע לאנד מצרים" (שם מא:מא). און אזוי איז יוסף, וועלכער איז בלויז אפאר שעה צוריק געווען אין תפיסה, יעצט געווארן דער משנה למלך איבער דאס מאכטפולסטע לאנד אין די וועלט.

אלזא, איר פארשטייט גלייך אז אזא זאך, אז אן עבד פון כנען זאל ווערן א פירער פון א לאנד ווי מצרים, איז עפעס אן אויסנאם געשעעניש. אפילו אויב איינער זאל אונז זאגן אז ער איז ארויס פון תפיסה און איז געווארן א שטאל יונג ביי פרעה וואלט עס געווען אומגלויבליך. אבער אז ער זאל אויפגענומען ווערן אלס משנה למלך? דאס איז עפעס איבער אומגלויבליך!

### א גרויסער אמעריקאנער פירער

שטעלט זיך פאר איר ליינט ערגעץ אז רבי משה פיינשטיין איז איינגעלאדנט געווארן צו אן עמערזשענסי מיטינג אינעם הויפט אפיס זיך צו טרעפן מיט פרעזידענט רעיגען. און דער פרעזידענט זאגט אים, "ראביי, איך דארף האבן איינער וואס זאל פירן די ענינים פון דאס לאנד. עס זענען דא היינט

אסאך פראבלעמען; א נידערלאגע אין עקאנאמיע, קרימינאלע פארברעכנס, און אנדערע זאכן, און איך בין צו פארנומען. איך דארף זיך אפגעבן מיט מיין פארם און איך וואלט אויך געוואלט האבן צייט צו גיין שיפלען. איך האב געהערט פון מיינע מענטשן אז דו ביסט דער פאסיגער מענטש פאר דעם אמט. זע, איך האב דיר געשטעלט צו פירן דאס גאנצע לאנד אמעריקע. ביטע נעם איבער."

דער אמת איז אז עס וואלט נישט געקענט זיין עפעס בעסער פאר'ן לאנד. אויב פרעזידענט רעיגען וואלט אויפגענעמען הרב פיינשטיין, וואלט דאס געווען די בעסטע סארט רעגירונג; מיר וואלטן געווען די גליקליכסטע מענטשן אויב וואלט פאסירט אזא זאך. און דאך, פארשטייט איר אליין ווי מעגליך דאס איז. אז אזא זאך זאל פאסירן וואלט עס געווען גארנישט ווייניגער ווי א נס.

און דערפאר ווען עס האט פאסירט צו יוסף, פארשטייט איר אז כאטש עס זעט אויס ווי עס איז געווען א קלארער גורם און תוצאה - ער האט זיך איינגעקויפט א חבר אין תפיסה און דערנאך איז דער חבר געווען אין דעם ריכטיגן ארט און אין די ריכטיגע צייט און ער האט געדענקט יוסף'ס חכמה אין פותר זיין חלומות און אזוי האט עס פאסירט. אבער דער קייט פון גורם און תוצאה איז אייגנטליך פיל טיפער ווי א צופאל.

## דער הויפט פירער

אוודאי, אויב ווילט איר זיין א קליין קעפיגער מענטש, וואלט איר זיך געקענט איינרעדן אז עס איז פשוט אזוי געשען; און אזוי, באטראכטנדיג די פופצן פערד מארשירן אראפ פענסילוועניע עוועניו פירנדיג רבי משה פיינשטיין אין א גאלדענער וואגן מיט סיקרעט סערוויס נאכלויפנדיג צו די זייטן פונעם וואגן און יעדער שרייט, הורא! אברך, בייגט אייערע קניען פאר דעם משנה למלך!" - למעשה האט אזוי פאסירט צו יוסף - קענט איר זיין נאריש און זאגן, "ס'איז גארנישט! צומאל פאסירן אזעלכע סארט זאכן."

אבער דער אמת איז אז מיר ווילן נישט זיין קליין קעפיג! מיר ווען דאס איבערלאזן פאר די גוים און פאר אזעלכע אידן וועלכע ווילן טראכטן ווי גוים. די פעלקער פון די וועלט גלייבן אז די וועלט איז אין כאאס; ווען זיי האבן געדינט צו די אפגעטער איז יעדער מציאות אין נאטור געווען אונטער'ן קאנטראל פון אן אנדער אפגאט און עס האבן זיך כסדר צוזאמגעשטויסן די פארשידנארטיגע כוחות. און דאס זעלבע גייט אן מיט די אקאדעמיקער, די עוואלוציאנערן פון היינט. זיי זאגן אז אלעס איז א תוצאה פון געוויסע גורמים, צופעליגע עפיזאדן. דערפאר, אויב א היסטאריע פראפעסאר אין קאלעזש שרייבט א בוך, באטראכט ער די פאסירונגען ווי אומאפהענגיגע זאכן. ער וועט דיר דערציילן אז די גורמים פון די פאסירונגען זענען די כוחות פון צופאל און נאטור וועלכע שלאגן זיך איינער מיט'ן אנדערן. "היסטאריע איז צופעליגע כאאס," וועט ער זאגן.

אבער להבדיל אלף הבדלות, די תורה לערנט אונז אז עס איז נישטא אזא זאך ווי צופעליגע געשעענישן ווייל דער באשעפער איז דער וואס פירט דער גאנג פון די וועלט. דער ערשטער יסוד אין די תורה איז ה' מלך, וואס צווישן אנדערע זאכן רעכנט עס אריין דעם גרויסן יסוד אז סיי וואס עס פאסירט אין די וועלט ווערט געטון נאר דורך דעם באשעפער. דער באשעפער שטייט הינטער אלעם, פירנדיג אלע פאסירונגען אין די וועלט. און ער טוט אלעס אליין, ער איז ה' אחד. דאס מיינט אז דער באשעפער פירט אלעס אליין אבער מיט א פלאן און ער איז דער איינציגסטער פלאנירער, און ער טוט עס מיט א פערפעקטע חכמה, מיט פלענער וואס זענען אויסגעפלאנט מיט שלימות.

## "און" איבעראל

מיט דעם פארשטייען מיר אז דער אינטערעסאנטער מציאות אז יוסף זאל אויסגעוועלט ווערן צו אזא הויכע פאזיציע אין די רעגירונג פון א וועלטסמאכט איז א רעזולטאט פון גרויסע פלענער. עס האט נישט סתם אזוי פאסירט אין אנהייב פון די היינטיגע פרשה. די איבערראשונג פון **וַיְהִי מִקֵּץ** איז געווען דער הויכפונקט פון פיל יארן צוגרייטונגען.

מיר זעען אז דער ערשטער פסוק אין די פרשה הייבט זיך אן מיט דער אות ואו. עס שטייט נישט, **הָיָה מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים** - עס איז געווען אין ענדע פון די צוויי יאר, נאר **וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים**, מיט א ואו: "'און' עס איז געווען אין די ענדע פון די צוויי יאר." דער אמת איז אז עס איז אן אייגנארטיגער גאנג אין די כתבי הקודש בכלל - כמעט אלע מעשיות, אלע דערציילונגען נאך **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים** הייבן זיך אן מיט א 'ואו', עס שטייט מיט דער צוגאב פון 'און'. ביי מערסטנס געשעענישן שטייט, "און דאס האט פאסירט," "און דאס האט פאסירט."

אפילו די ערשטע פסוקים פון אונזערע סדרים און ספרים, הייבן זיך אן מיט א ואו. 'ואלה שמות בני ישראל,' 'ויקרא ה' אל משה,' במדבר הייבט זיך אן 'וידבר' און ספר יהושע הייבט זיך אן מיט א ואו. ספר שופטים הייבט זיך אן, 'ויהי בימי שפוט השופטים.' אזוי איז אויך ביי שמואל א' און שמואל ב' און מלכים. און אזוי נאך און נאך, אלע האבן ואו'ס.

אלזא, דאס איז עפעס וואס דארף אן ערקלערונג. ווייל ווען מיר דערציילן א מעשה זאגן מיר, "אמאל איז געווען" - מיר זאגן נישט, "און אמאל איז געווען." וואס איז דער באדייט פון דער אינטערעסאנטן ענין דא אז אין די תורה שטייט "און," "און," און "און"?

## דער באדייט פון "און"

מיר דארפן פארשטיין אז דער ואו דינט זייער א וויכטיגער צוועק; אין דעם איינעם אות ליגט א גרויסע לערע אין אמונה: אז קיין שום זאך אין היסטאריע איז נישט אומאפהענגיג. דאס איז וואס דער ואו מיינט, ס'איז א רינגעלע אין א קייט. ואו מיינט "און"; "דאס 'און' דאס" מיינט אז 'דאס' איז פארבונדן צו 'יענץ.' די ואו'ן זענען באהעפטערס; א ואו באהעפט ווי א רינגעלע אין א קייט. דערפאר הייבן זיך די פסוקים אן מיט א 'ואו' ביי די תורה ערציילונגען.

סיי וואס עס פאסירט אין די וועלט איז א טייל פון א גרויסן פלאן פון באשעפער. אלע פאסירונגען אין די היסטאריע פאלגן נאך א סעריע פון פאסירונגען און דערפאר זענען אלע פאסירונגען פון אנהייב עד סוף כל הדורות באדייטפול און הארמאנירן איינע מיט די צווייטע. אלעס וואס האט פאסירט אין די פארגאנגענהייט איז געווען אן אנגרייטונג אויף דעם וואס וועט פאסירן אין דער צוקונפט און וואס עס פאסירט אין צוקונפט איז פארבונדן מיט אלעס וואס האט פאסירט אין פארגאנגענהייט. די מעשה מיט יוסף איז געווען א רעזולטאט פון א לאנגע קייט פון היסטאריע. אזא זאך, אז יוסף זאל דערהויבן ווערן צו די מאכט, איז געקומען נאך יארן פון הכנה.

## הינטער דער פארהאנג

אודאי האט דער באשעפער געקענט געבן א מאך מיט דער האנט, כביכול, און זאגן, "יוסף, גיי ארויס פון תפיסה, אריבער אלע וועכטערס - זיי וועלן דיר נישט זען - און שפאציר אריין ביז אין פאלאץ." אויב דער באשעפער וואלט געוואלט, וואלט יוסף געקענט פשוט אראפשטופן פרעה פון זיין טראן און זיך זעצן אויף זיין ארט און געענדיגט.

אבער דער באשעפער טוט נישט זאכן אויף דעם אופן - ער טוט זאכן אויף נאטורליכע וועגן, מיט געניטשאפט. ער שטייט הינטער דעם פארהאנג פירנדיג אלעס אין קאמפליצירטע וועגן, מיט טאקטיקן און איבערראשונגען.

און עס איז דא א סיבה דערצו. עס איז דא א טעם פארוואס דער באשעפער טוט זאכן אין אזא אומדירעקטן אופן. יושב בסתר עליון, דער באשעפער האלט זיך באהאלטן פאר א סיבה.

דער באשעפער טוט אונז נאכאנאנד פרואוון. ער טוט זאכן אין א קאמפליצירטן אופן מיט באהאלטענע באוועגונגען ווייל ער וויל מיר זאלן אפלערנען וואס עס פאסירט אין די וועלט און אנטדעקן זיין באהאלטענער האנט הינטער אלעם. דאס איז איינע פון די נסיונות אויף די וועלט. צי גייען מיר ניצן אונזערע אויגן אין קאפ צו צולייגן די ואו'ן? וואס זענען די פארבינדונגען צווישן די פאסירונג און די וועלכע איז געקומען פריער? וואס איז די פארבינדונג צווישן די פאסירונג און די וואס קומט דערנאך?

## דורכשטודירן די קאמפליקאציעס

דאס איז אונזער תפקיד אין לעבן. דו מוזט זיין א דורש; דו מוזט אריינטראכטן דערין. צוליב דעם האט דער באשעפער געמאכט אלעס אויסזען אזוי נאטורליך מיט א גורם און נאך א גורם, איינס פירט צום צווייטן - אזוי אז מ'דארף זיך אנשטרענגען צו זען דעם יד ה'. אבער דאן, אויב מאכסטו די אנשטרענגונג, וועסטו קענען צוזאמשטעלן די פונקטן. אויב וועלן מיר ניצן אונזערע אויגן און אנטדעקן דעם האנט פון באשעפער אין אונזער געשיכטע - ווי מיר טוען דא ביי דעם שיעור אין א געוויסער מאס - דאן וועלן מיר באקומען שכר דערפאר.

עס שטייט **הודיעו בעמים עלילותיו** - מאך באוואוסט צווישן די פעלקער זיינע פירונגען. עס שטייט נישט "מאך באוואוסט צווישן די פעלקער 'מעשיו', זיינע טואונגען." ניין; מעשיו איז צו פשוט. עלילותיו מיינט, 'זיינע רעפינירטע פלענער, זיינע טאקטיקן.' דער באשעפער טוט זאכן מיט כיטרישקייט און איבערראשונגען מיט צוזאמגעפלאכטענע קייטן פון פאסירונגען, און מיר זענען ערווארטעט צו דורכטון די דאזיגע קאמפליצירטקייטן כדי צו אנטדעקן דעם ה' אחד וואס שטייט הינטער די סצענעס און ציט די שטריקן. דאס איז איינע פון די וויכטיגע הצלחות פון א מענטש אויף די וועלט.

## יוסף האט געוואוסט

אלזא, מיר דארפן אריינטראכטן א מינוט, וואס איז אריבער ביי יוסף אין זיין קאפ בשעת מ'האט אים ארומגעפירט מיט'ן קעניגליכן וואגן לענגאויס די גאסן פון מצרים: איך וואלט זיך נישט געוואגט אייך צו זאגן אז איך ווייס פונקטליך וואס ער האט געטראכט אבער עס איז נישט קיין ספק אז צווישן אנדערע זאכן איז געווען דאס: "וואס איז דאס אלעס? ווי אזוי בין איך אנגעקומען אהער?"

יוסף הצדיק האט געוואוסט דעם ענטפער; מיר זענען דאס פון זיינע אייגענע ווערטער: **לֹא אַתֶּם שְׁלַחְתֶּם אֹתִי הֵנָּה** - איר האט מיר נישט געשיקט קיין מצרים," האט ער געזאגט צו זיינע ברידער, "עס איז נישט געווען אייך. עס איז געווען דער באשעפער וואס האט מיר געשיקט אהער, **וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה** - כדי אייער פאמיליע זאל איבערלעבן פאר א גרויסן צוקונפט" (ויגש מה:ז-ח).

אלזא, יוסף האט דאס נישט געזאגט בלויז צו באַרואיגן זיינע ברידער אז זיי זאלן זיך נישט שפירן שלעכט אויף וואס זיי האבן געטון, ווי ווען איינער טוט מיט זיין גוטסקייט זיך אויסטראכטן עפעס אן ערקלערונג צו פארדעקן אויף די נישט גוטע מעשים פון זיינע ברידער. ניין! יוסף האט געזאגט א

תורה'דיגער אמת און ער לערנט אונז דערמיט א געוואלדיגער יסוד אויף די דרכי ה' אויף די וועלט. ער האט אויסגענוצט זיינע איבערלעבענישן אין זיין לעבן צו שטייגן אין די השקפה פון פארשטיין דער צוזאמגעפלאכטענער קייט פון די היסטאריע וואס דער באשעפער פירט.

# חלק ב. די קייט וואס האט גרויס געמאכט יוסף

## ראטעווען רחל

דאס דארף מען וויסן, אז דער ויהי מקץ - דער חלום פונעם שר המשקים און זיין פארבינדונג מיט פרעה'ס חלום און ווי אזוי דאס האט געפירט יוסף צום פאלאץ - איז נישט געווען דער ערשטער ואו אין יוסף'ס לעבן. ווי אזוי האט זיך דער קייט אנגעהויבן? די ואו'ן האבן זיך אנגעהויבן נאך אפילו איידער יוסף איז געבוירן געווארן. "וַיִּשְׂטֹם עֵשָׂו אֶת יַעֲקֹב - 'און' עשו האט פיינט געהאט יעקב." אהא איז דאס געווען א וויכטיגע רינגעלע אינעם קייט! עס איז געווען ווי צו דריקן א קנעפל וואס הייבט אן דעם פראצעדור פון מאכן יוסף אלס מושל בכל ארץ מצרים! ווייל יעקב איז מער נישט געווען פארזיכערט אינדערהיים האט ער געדארפט אנטלויפן קיין פדן ארם - דאס איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע ואו'ן אין די מעשה.

טראכט אריין וואס וואלט געווען אויב עשו וואלט נישט געווען אויפגערעגט אויף יעקב, וואס דערפאר וואלט ער פארבליבן אין כנען. ער וואלט געבליבן אינדערהיים און די גאנצע מעשה וואלט זיך אויסגעשטעלט אנדערש. זיין פאטער יצחק וואלט געשיקט א שליח צו ברענגען פאר יעקב א ווייב, פונקט ווי זיין פאטער אברהם האט געשיקט אליעזר צו ברענגען א כלה פאר אים. דער שליח וואלט אנגעקומען קיין פדן ארם מיט קעמלען און מתנות און לבן וואלט אים געגעבן זיין עלטסטע טאכטער, לאה, און געענדיגט. די גאנצע מעשה מיט רחל אמנו וואלט נישט פאסירט! זי וואלט געווען ווי א בלום אויפ'ן וואנט אין פדן ארם און מיר וואלטן קיינמאל נישט געהערט איר נאמען.

אבער דער באשעפער האט געוואלט אז יעקב זאל חתונה האבן צו רחל, האט ער אים געשיקט קיין פדן ארם. און ווען ער איז אנגעקומען אין פדן ארם, וואס האט פאסירט? נאך א ואו, "וישא עיניו" און ער האט געטראפן רחל ביים ברונעם. דער באשעפער האט עס געפירט! דער באשעפער האט געזאגט, "לאה איז נישט גענוג!" דו מוזט חתונה האבן צו רחל! ווייל פון די מיידל, גייט ארויסקומען א קליינער אינגל וואס וועט איין טאג ווערן מושל בכל ארץ מצרים."

## יוסף'ס פירערשאפט

פארוואס האט אויסגעפעלט אז יוסף זאל הערשן אין מצרים? ווייל אן דעם וואלטן מיר נישט געווען דא היינט. אונזער פאלק וואלט קיינמאל נישט זוכה געווען צו מתן תורה ווען נישט דאס. עס איז געווען אין מצרים, אונטער די פירערשאפט פון דער משנה למלך יוסף, וואס מיר זענען געווארן א פאלק וואס איז פאסיג צו באקומען די תורה.

וואס האט פרעה געטון אין די היינטיגע פרשה? ער האט געמאכט יוסף פאר א דיקטאקטור! לייגט צו קאפ צו וואס פרעה האט געזאגט: "**וּבִלְעָדֶיךָ לֹא יָרִים אִישׁ אֶת יָדוֹ וְאֶת רַגְלוֹ בְּכָל אֶרֶץ מִצְרָיִם** - אן דיין רשות," האט ער געזאגט צו יוסף, "קען קיינער אין מיין גאנצע לאנד אויפהייבן זיין האנט אדער זיין פוס!" (מקץ מא:מד) דאס איז א מורא'דיגער וויכטיגער פסוק. ס'איז א שאד אז ווען מיר לערנען חומש לייגן מיר נישט צו קיין אויפמערקזאמקייט צו וואס עס שטייט דא. דאס מיינט, אז פאר אכציג יאר האט

יוסף געהערשט איבער מצרים מיט אן אייזערנע פויסט! פון די עלטער פון דרייסיג יאר ביז די הונדערט און צען! אכציג יאר! עס איז נישט געווען קיין שום אידישער מלך וועלכער האט געקעניגט אזוי לאנג ווי יוסף. און ער האט געהאט אזא מאכט אז קיינער האט נישט געקענט עפענען א מויל קעגן אים! ווייל פרעה האט געזאגט, "אז דו וועסט עפענען א מויל קעגן יוסף, וועל איך דיר מסדר זיין."

און אזוי איז יוסף הצדיק, וועמענ'ס שלאגווארט איז געווען, "**את האלקים אני ירא** - איך פארכט זיך נאר פאר'ן באשעפער," געווארן דער פירער פון די בני ישראל און ער האט אנגעגרייט דאס אידישע פאלק פאר קבלת התורה. לעבנדיג אונטער יוסף זענען זיי געווארן אנגעגרייט צו לעבן אונטער די תורה וואס דער באשעפער האט זיי שפעטער געגעבן. דאס איז דער ריכטיגער אמת. די מעשה פון יוסף איז דער גרונדשטיין צו קבלת התורה.

ער האט געהאלטן א שטרענגע אויג איבער זיי. זיי האבן אזוי מורא געהאט פון אים אז יעדע מינדעסטע זאך וואס זיי האבן געטון איז געווען נאר לויט יוסף'ס ווילן. ער האט זיי נישט געלאזט זיך אויסמישן מיט די גוים און ער האט זיי געפירט אויפ'ן ריכטיגן וועג. זיין וואכזאם אויג האט טרענירט די אידן צו זיין מדקדק, צו זיין פארזיכטיג מיט יעדן קוצו של יוד, אין די קלענסטע זאכן, ווייל זיי האבן געוואוסט אז ער וועט רעאגירן. ער וועט נישט דורכלאזן קיין שום אפניג פון וואס איז ריכטיג און אויסגעהאלטן. און דאס איז ווי אזוי די אידן זענען געווארן איינגעוואוינט מיט די ריכטיגע מידות פון אברהם, יצחק און יעקב. און דערפאר איז יעצט דער וועג געווען אפן פאר די ווייטערדיגע היסטאריע פון אונזער פאלק. עס איז נאר דערפאר וואס יוסף איז געווארן משנה למלך, אז אונזער פאלק איז געווארן דאס וואס מיר זענען היינט.

## געבוירן שפעט

אבער ביז יוסף איז אנגעקומען צו ווערן קעניג האט די געשיכטע נאך געדארפט דורכגיין אומצאליגע שטאפלען! זיין מאמע האט געווארט פיל יארן ער זאל געבוירן ווערן. יוסף איז געבוירן געווארן כמעט די לעצטע פון אלע זיינע ברידער און דאס איז געווען די וויכטיגסטע רינגעלע אינעם קייט וואס האט געפירט צו מתן תורה. דער באשעפער האט דאן געדרייט דאס רעדל פון היסטאריע.

אויב יוסף וואלט געווען דער ערשטער, לאמיר זאגן אויב רחל וואלט געהאט א קינד פאר אלע אנדערע, דאן ווען די ברידער וואלטן געזען אז דער טאטע האט געגעבן פאר יוסף א כתונת פסים, א זיידענער העמד, וואלטן זיי אים נישט מקנא געווען. ער איז דער בכור, אדער כאטש איינער פון די עלטסטע. אין יענע צייטן האבן מענטשן מכבד געווען זייערע עלטערע ברידער.

אבער ווייל ער איז געווען פון די יונגסטע, דאס האט ערוועקט א שטורעם פון אויפרעגונג ווען זייער פאטער האט אים געגעבן א ספעציעלער צייכן פון אנערקענונג. דער כמעט יונגסטער זאל געשטעלט ווערן אלס הויפט?! די ברידער האבן געפרעגט איינער דעם צווייטן, "וואס גייט דא פאר? מיר זענען אלע גוטע לייט, פארוואס איז ער דער וואס באקומט אזויפיל אויפמערקזאמקייט?"

און דערפאר פארשטייען מיר אז דער פאקט אז יוסף איז געבוירן געווארן כמעט דער לעצטער איז א וויכטיגע רינגעלע אין די היסטאריע. אנדערש וואלט גארנישט פאסירט. מ'קען נישט פארקויפן דעם עלטסטן ברודער. ער וואלט זיי פארקויפט!

## פריצייטיגער טויט

נאך א וואו איז ווען רחל איז נפטר געווארן; **ותמת רחל**. רחל איז נאך געווען א יונגע פרוי ווען זי איז

נפטר געווארן. זאגן אונז די חז"ל פארוואס דאס האט פאסירט, אבער איך וועל אייך זאגן נאך עפעס. אויב רחל וואלט געלעבט וואלט יוסף קיינמאל נישט פארקויפט געווארן אלס קנעכט. רחל איז געווען א קלוגע פרוי. זי וואלט געוואוסט אז די ברידער זענען אויפגעקאכט קעגן יוסף און זי וואלט געהאלטן אויף אים אן אויג. אויב רחל וואלט געלעבט וואלט זי נישט ערלויבט יוסף זאל גיין זוכן זיינע ברידער נעבן שכם.

זי וואלט אים נישט ארויסגעלאזט פון אונטער איר אויפזוכט און עס וואלט גארנישט פאסירט: יוסף וואלט קיינמאל נישט פארקויפט געווארן. און דערפאר האט דער באשעפער צוגעשטעלט נאך א וואו צו די פאסירונגען אין די געשיכטע.

## דער וועג צו שכם

אפילו ווען ער איז געשיקט געווארן צו שכם האבן זאכן פאסירט. צי געדענקט איר אז ווען ער האט געזוכט זיינע ברידער אין שכם האט ער זיי נישט געקענט טרעפן? ער וואלט געדארפט גלייך אהיימקומען. "טאטע, איך קען זיי נישט טרעפן."

אבער דא איז געשען אז א מענטש האט דארט דורכגעוואנדערט און ער האט געהאט פאר אים אינפארמאציע. 'ו'ימצאהו איש - 'און' א מענטש האט אים געטראפן און דער מענטש האט אים געזאגט, "דו קענסט זיי טרעפן דארט אין דותן." דאס איז א מערקווירדיגע מעשה. דער מענטש, ווי א מלאך, איז פונקט דארט געווען. נאך א וואו!

אויב דער מענטש וואלט נישט דארט געווען, וואס וואלט יוסף געקענט טון? ער קען נישט טרעפן זיינע ברידער, גייט ער צוריק אהיים און די גאנצע מעשה איז געענדיגט. אבער א מענטש האט אים אנגעטראפן און דער מענטש האט אים געגעבן אינפארמאציע, איז ער געגאנגען און געטראפן זיינע ברידער און אזוי האט זיך די גאנצע מעשה דערקייקלט ווייטער. און אזוי איז ער אנגעקומען אין מצרים.

און אפילו אויב ער ווערט פארקויפט, פארוואס זאל ער אנקומען פונקט קיין מצרים פון צווישן אלע אנדערע לענדער אין די וועלט? קאראוואנען פארן אין אלע ריכטונגען. ער וואלט געקענט פארקויפט ווערן פאר רייזנדע אין א קאראוואן וואס זענען געפארן קיין אראביע און פארלוירן גיין. אבער ווייל דער באשעפער איז דער וואס ציט די בענדלעך פון הינטער די סצענע, איז יוסף פארקויפט געווארן צו רייזנדע אין א קאראוואן וואס איז געפארן קיין מצרים. ס'איז א וואונדערליכע זאך - פונקט דער ריכטיגער קאראוואן איז אנגעקומען אין פונקט די ריכטיגע מינוט.

## דער ריכטיגער קאראוואן

עס שטייט אז דער קאמפאניען פון גוים וועלכע האבן אים געפירט קיין מצרים האבן געטראגן מיט זיך **נְכֹאת וּצְרִי וָלֹט** - פארשידענע סארט געווירצן. די תורה באטאנט אז דער קאמפאניען האבן געפירט שמעקעדיגע געווירצן. למעשה, פארוואס דערציילט אונז די תורה וואספארא סחורה זיי האבן געפירט? פאר אונז זעט אויס, איז דא נאר נוגע צו וויסן אז זיי האבן געפירט יוסף קיין מצרים אים צו פארקויפן אלס א קנעכט.

אבער אפילו די פרטים פון דער קאראוואן זענען געווען רינגעלעך אין דעם קייט. יוסף איז געזעסן צווישן די סחורה, ווען אויף אלע זייטן זענען געווען זעק מיט פארשידענע בשמים וואס האבן גוט געשמעקט. די רייזע האט געדויערט א לאנגע צייט און אזוי, ווען ער איז אנגעקומען קיין מצרים, איז ער געווען אנגעזאפט מיט א געשמאקער ריח פון געווירצן.

די געווירצן האבן געדארפט ציען די אויפמערקזאמקייט פון א געוויסער מענטש, ווייל יעצט איז ער ארויסגעשטעלט געווארן אויפ'ן שקלאפן מארק צום פארקויפן און אט קומט צוגיין א מענטש פוטיפר און ער ציט אריין זיין נאז - עס געפעלט אים; א גוט שמעקעדיגער בחור, דערצו א שיינער אויך, זאגט ער, "איך וועל אים קויפן." יוסף וואלט געקענט אפגעקויפט ווערן דורך סיי וועמען, אבער עס האט 'פונקט פאסירט' אז א מענטש מיט'ן נאמען פוטיפר האט אים געקויפט.

## דער ריכטיגער בעל הבית

פארוואס האט אים נישט א צווייטער געקויפט? פארוואס האט דער באשעפער געוואלט אז דוקא פוטיפר זאל אים קויפן? עס איז דא דערצו זייער א וויכטיגע סיבה. דאס איז דערפאר ווייל פוטיפר האט געהאט א ווייב וואס איז געווען א שלעכטע פרוי מיט גרויסע אויגן.

אה! אצינד ווייסן מיר שוין פארוואס יוסף איז פארקויפט געווארן פאר פוטיפר. פוטיפר'ס ווייב איז געווען א וויכטיגע רינגעלע אין די גאנצע מעשה. די ווייב פון פוטיפר איז געווען א ואו, נאך א רינגל אין די געשיכטע פון יוסף. אן די אשת פוטיפר, וואלט יוסף פארלוירן געגאנגען.

לאמיר זאגן אויב זי וואלט זיך געגאנגען איר וועג און נישט געלייגט אירע אויגן אויף יוסף, וואלט גארנישט ווייטער פאסירט. ער וואלט געווען גוט און שטיל, א קנעכט אין פוטיפר'ס הויז ביז'ן סוף פון זיין לעבן. אבער "**וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה**, 'און' נאך די זאכן האט די ווייב פון זיין בעל הבית געעפנט אירע אויגן צו יוסף" און די צרות האבן זיך אנגעהויבן.

מיינט נישט אז דאס איז געווען סתם א פאל פון א נארישע, זינדיגע פרוי וועלכע האט אים גע'רודפ'ט און דערפאר איז ער אריינגעווארפן געווארן אין תפיסה. ניין! דער באשעפער האט געוואלט ער זאל אנקומען דארט. און מיר ווייסן וואס עס האט פאסירט, יעצט איז יוסף אנגעקומען אין א גרוב, אין דעם בית האסורים.

## די ריכטיגע תפיסה

אצינד דארפט איר פארשטיין אז דער צוקונפט פון יוסף איז געווען אנגעהאנגען אין וואספארא סארט תפיסה ער קומט אן. אויב וואלט ער אריינגעשטעלט געווארן אין א געווענליכע תפיסה, וואלט די מעשה זיך געענדיגט מיט דעם. ער וואלט דארט פארבליבן.

אבער פוטיפר האט אים אריינגעשטעלט אין א פלאץ פון אסורי המלך, דעם קעניג'ס תפיסה. דאס איז זייער אן ערנסטע זינד צו פראבירן זיך אנהייבן מיט די ווייב פון איינער פון דעם קעניג'ס שרים. אויב יוסף וואלט געווען א צווייטנ'ס קנעכט וואלט ער געווארן אריינגעלייגט אין עפעס א קליינע תפיסה אבער דא איז ער געווען אין א תפיסה מיט חשוב'ע מענטשן ווייל ער איז געווען דער קנעכט פון פוטיפר.

און דאן, **הקציף הקב"ה אדון על עבדיו** - דער באשעפער האט געמאכט די הערן בייז אויף זייערע קנעכט (מגילה יג:); "**פַּרְעֹה קָצַף עַל־עֲבָדָיו**, פרעה איז געווארן בייז אויף זיינע קנעכט." אויב פרעה וואלט נישט געווען בייז וואלט די גאנצע קייט זיך אפגעשטעלט.

## דער פאסיגער גוסטע

לאמיר זאגן אויב ווען דער שר המשקים האט אריינגעברענגט די ווין אויף א טאץ צו פרעה - און די פליג איז אריינגעפלויגן, וואלט אבער געקענט פאסירן אז פרעה זאל זיך האלטן רואיג; פארוואס

נישט? ער קען זיך ערלויבן מ'זאל אים צושטעלן פרישע ווייַן. ער וואלט נישט געדארפט ווערן אויפגערעגט. אבער דער באשעפער האט געהאט אנדערע פלענער און דערפאר האט ער געמאכט אז דער האר זאל ווערן בייז אויף זיין קנעכט; פרעה איז אויפגעקאכט געווארן און באפוילן, "לייג דעם מענטש אין תפיסה."

וואס האט פאסירט? וואו האט זיי פרעה געלייגט? נישט אין קיין פשוט'ע תפיסה. ער האט געלייגט זיינע צוויי קנעכט, דער שר המשקים און דער שר האופים, אינעם ארט פון די אסורי המלך, וואו דער קעניג'ס ארעסטאנטן ווערן ארעסטירט - פונקט וואו יוסף האט געווארט אויף זיי. אויב וואלט דאס נישט פאסירט אז פרעה זאל ווערן אויפגערעגט, וואלט יוסף אפגעשימלט אין תפיסה.

## די לאנגע קייט

און אודאי, אפילו אויב עס וואלט געפעלט בלויז איין ואו, נאר איין רינגעלע אין די וויכטיגע קייט; לאמיר זאגן דער שר המשקים וואלט נישט געהאט זיין חלום, דאן וואלט יוסף פארבליבן אין תפיסה פאר ווער ווייסט ווי לאנג. אבער דער שר המשקים האט געהאט א חלום און יוסף איז פונקט געווען אין די זעלבע תפיסה און ער האט באשיידט דעם חלום. און ווען דער שר המשקים איז באפרייט געווארן און איין נאכט האט אויך פרעה געהאט א חלום, דאן האט זיך דער שר המשקים דערמאנט - דער באשעפער האט אים דערמאנט - און פלוצלינג איז מען געקומען צו לויפן צו די תפיסה, אנגעקליידט יוסף מיט ריינע קליידונג, אפגעשוירן און ארומגעוואשן און מיטאמאל, **ויעמוד לפני פרעה**, יוסף איז געשטאנען פאר פרעה.

אזוי הייבט זיך אן די היינטיגע פרשה; **ויהי מקץ** - דער ואו ביים אנהייב פון די פרשה איז בלויז איין קליינע רינגעלע אין די לאנגע קייט פון יוסף'ס געשיכטע. און ווען יוסף איז ארומגעפירט געווארן אין א וואגן איבער די גאסן פון מצרים איז דאס געווען די תוצאה פון א לאנגע קייט פון וואונדערליכע פאסירונגען! און יוסף האט דאס איינגעזען! דאס איז געווען די גרויסקייט פון דעם מאמענט - נישט צו זיין משנה למלך, נאר צו נאכגיין די ואו'ס און זען ווי אזוי עס האט פאסירט.

'אהה,' האט יוסף געטראכט בשעת די מצריים האבן זיך פארזאמלט אויף די גאסן צו אפגעבן כבוד פאר דעם נייעם משנה למלך, "אצינד האב איך דעם ענטפער. די מיסטעריע פון די אלע שטרויכלונגען אויפ'ן וועג, די אלע שטורמישע פאסירונגען - מיינע חלומות און מיינע ברידער און פוטיפר און זיין ווייב און דער שר המשקים, מיט נאך פיל אנדערע זאכן - דאס אלעס איז אצינד פארענטפערט! אלעס איז געווען ה' אחד!'

# חלק ג. די קייט אין אונזער לעבן

## היסטאריע גייט ווייטער

וועט איר זאגן, "גוט, זייער שיין. יוסף הצדיק! אבער וואס האט עס צו טון מיט אונז?" דער ענטפער איז אז עס האט גאר אסאך צו טון מיט דיר! ווייל די תורה דערציילט אונז די מעשה פון יוסף אלס אביישפיל, אלס א פארבילד צו פארשטיין די וועגן פון באשעפער אויף די וועלט; דאס קומט אונז ווייזן ווי אזוי מיר דארפן אפלערנען אונזערע אייגענע לעבנס, מיט די ידיעה אז דעם באשעפער'ס קייט פון היסטאריע ציט זיך ווייטער אלעמאל.

דער ואו החיבור וואס פארבינדט דער אנהייב פון די היסטאריע דורכאויס אלע צייטן ביז היינט ציט

זיך ווייטער. דער באשעפער שטייט אלעמאל הינטער די סצענעס און פירט דעם שפיל. אפילו די פשוט אויסזעענדע עפיזאדן אין אונזערע לעבנס זענען פארבונדן איינע צו די אנדערע און האבן א באדייט.

**מֵהַשֵּׁם מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ** - דער מענטש'ס טריט ווערן געשטעלט פון באשעפער. דער באשעפער איז דער וואס פירט דיינע פיסטריט. קיין שום זאך אין דיין לעבן פאסירט נישט אויסער אויב ס'איז טייל פון דעם באשעפער'ס פלאן. נאכאמאל, פון באשעפער ווערן דער מענטש'ס פיסטריט געשטעלט, **וְאָדָם מַה יָּבִין דַּרְכּוֹ** - און א מענטש, ווי אזוי קען ער פארשטיין זיין וועג אין לעבן (משלי כ:כד)? ער מיינט ער ווייסט, ווייל ער נעמט נישט די צייט צו אפלערנען זיין לעבן. קיינער קען נישט פארשטיין זיין וועג אין לעבן אן עס צו דורכטון ווייל דער באשעפער פירט אלעס מיט זיין ענדלאזע חכמה.

## אריינגעשטעלט אין זיין אפיס

אט איז א מענטש וואס זיצט אין זיין עלעגאנטער אפיס; ער קומט אריין אינדערפרי און א גאנצער שטאב פון סעקרעטארן קומען אריין אנגעלאדנט מיט פאסט. און די פאסט ווערן פארזיכטיג געעפנט פאר אים. ער זעצט זיך אראפ באקוועם מיט אויסגעשטרעקטע פיס און שלעפט ארויס פון א קאנווערט א גרויסער פעטער טשעק - יעדער קאנווערט ענטהאלט רווחים און גרויסע באשטעלונגען און רענט פארדינסטן. אהה! ער איז א גליקליכער מענטש - ער איז ביים שפיץ פון די וועלט.

דער מענטש דארף געדענקען ווער עס האט אראפגעשטעלט זיינע פיסטריט. ער איז נישט סתם אזוי אנגעקומען דארט וואו ער געפינט זיך. עס זענען געווען סיבות און נאר א נאַר טראכט אז די סיבות האבן עפעס געהאט צו טון מיט זיין אייגענער באשלוס. **חָכָם בְּעֵינָיו אִישׁ עָשִׁיר** - א רייכער מענטש איז קלוג אין זיינע אייגענע אויגן (משלי כח:יא). ער מיינט אז ער ווייסט די סיבות פארוואס ער איז אנגעקומען אהער. ער ווייסט?! "איך האב געמאכט דעם געשעפט און יענעם געשעפט." א נעכטיגן טאג! ער הייבט אפילו נישט אן צו וויסן! עס זענען דא מענטשן מיט בעסערע קעפ ווי ער וועלכע האבן געמאכט בעסערע געשעפטן, און זיי שטייען יעצט אויפ'ן גאס ווארטנדיג אז דער פובליק קאך זאל זיך עפענען און זיי זאלן קענען עסן אן אומזיסטער פרישטאג. דאס גאנצע וואס פעלט אויס איז אז דער באשעפער זאל שיקן איין קליינער סטראוק (ר"ל) אויף א מענטש וואס מיינט אז ער איז אזוי קלוג, וואס דערפון טרייסלען זיינע הענט און אצינד שטייט ער אין די רייע ווארטנדיג אויף זיין טעלער אומזיסטע שפייז.

## די פארמירונג פון א גדול

יעדער מאן און פרוי אויף די וועלט - נישט קיין חילוק ווער דו ביסט - מוז פארשטיין אז עס זענען געווען הונדערטער, טויזנטער וואו'ן אין זיין לעבן וועלכע האבן אים געברענגט צום פלאץ וואו ער געפינט זיך יעצט. אפילו ביי די גדולים פון דור, אויב הייבסטו אן אריינצוקוקן אין זייערע געשיכטעס פון אנהייב ביז יעצט - צי מיינסטו אז די גדולים זענען געבוירן געווארן צו פאמיליעס וואו די מאמעס האבן געהאט לאנגע בערד? - דו וועסט זיין איבערראשט צו הערן זייער אפשטאם! עס זענען געווען פיל וואו'ן וואס האבן זיי געברענגט צו וואו זיי געפינען זיך היינט.

אבער דאס פאסירט נישט נאר אין די לעבנס פון געוויסע מענטשן - א יוסף הצדיק, א רייכער מענטש אין זיין אפיס, די גדולי התורה - וואס אלעס אין זייער לעבן ווערט געפירט מיט די גרעסטע טיפקייט; מיט פלאנירונג הינטער פלאנירונג. די געשיכטע פון יוסף דינט אלס א ביישפיל פאר יעדן מענטש'ס לעבן. דער באשעפער איז יושב בסתר, ער זיצט אין באהעלטעניש און פירט אלע ענינים פון אונזערע לעבנס, און אונזער אויפגאבע איז צו צוריקקוקן און זען ווי אזוי איין זאך איז פארבונדן מיט

די פריערדיגע; דער גאנצער וועג צוריק ביז צום אנהייב.

קוק צוריק אויף דיין לעבן און זע וואס עס האט פאסירט מיט דיר. דער באשעפער האט געטון זאכן אין דיין פארגאנגענהייט, נאר דו טוסט עס נישט דורכשטודירן. צי האסטו אמאל אראפגענומען פינף מינוט צו צוריקקוקן אויף דיין לעבן צו זען ווי אזוי דער באשעפערט טוט פארבינדן עפיזאדן און ער האט דיר געברענגט צו וואו דו געפינסט זיך היינט? דו ביזט יעצט פופציג יאר אלט - צי האסטו געגעבן אפילו פינף מינוט, אפילו צוויי מינוט, אין די גאנצע פופציג יאר?! אויב יא, וואלטסטו געזען דעם יד ה' אין קאמפליצירטע אופנים.

## די מצוה פון געדענקען

דאס איז א מצוה אויך! דער רבנו יונה זאגט אזוי. ווען ער ערקלערט אונז די וויכטיגקייט פון די מצוות עשה, ברענגט ער א ביישפיל: **וְזָכַרְתָּ אֶת כָּל הַדֶּרֶךְ** - איר זאלט געדענקען דעם גאנצן וועג. און ער רופט עס אן א מצוות עשה פון העכסטן שטאפל. קיין שום מצוה איז נישט קליין, אבער צווישן די אלע געוואלדיגע געבאטן פון באשעפער, באטראכט ער "דאס געדענקען דיין וועג דורכ'ן לעבן" אלס איינע פון די וויכטיגסטע. און כדי דאס צו באפעסטיגן ברענגט ער א פסוק פון תהלים (קז:מב): **וְיִתְבּוֹנְנוּ חַסְדֵי ה'** - זיי זאלן אריינקלערן אין די חסדים פון באשעפער. אלזא, זעען מיר אז עס ווערט באטראכט ווי א חיוב צו צוריקקוקן.

איך וועל אייך דערציילן א קורצע מעשה איבער מיר אליין. אלס קליין אינגל בין איך געגאנגען אין 'היברו דעי סקול', די פארצייטישע תלמוד תורה, און עפעס האט פאסירט און איך בין ארויסגעווארפן געווארן פון דארט. אלע אנדערע קינדער דארט זענען געווען גוטע קינדער; זיי זענען נישט ארויסגעווארפן געווארן און זיי האבן אלע גראדואירט ביי די בר מצוה און מצליח געווען צו ווערן 'גארנישט'. עס איז גארנישט ארויסגעקומען פון זיי. אבער ווייל איך האב געהאט עפעס פראבלעמען בין איך ארויסגעווארפן געווארן און איך האב געדארפט זוכן אן אנדער פלאץ. איך האב געטראפן א פריוואטער רבי וועלכער האט מסכים געווען צו לערנען מיט מיר און מיר אויסמענטשלען. צום סוף האט ער מיר געשיקט צו אן עכטע ישיבה. איך קוק היינט צוריק און פארשטיי אז דאס איז געווען א וואו אין מיין לעבן - עס איז געווען די האנט פון באשעפער וואס האט מיר געשיקט צו א תפקיד פון תורה.

## זוכן ארבעט

אבער צו אפלערנען בלויז איין וואו איז ווי צו קראצן אויף דעם אויבערפלאך פון דיין לעבן.

ווען איך בין געווען פערצן יאר האב איך זיך געוואלט איינגעבן פאר אן ארבעט אין א פאבריק. עס איז געווען זייער ווייניג געלט אינדערהיים און איך האב געטראכט אז איך קען ארויסהעלפן מיט פרנסה. אלזא, ווען איך האב געזען א רעקלאמע, "אינגלעך געזוכט," בין איך אראפגעגאנגען צום פאבריק צו אננעמען ארבעט. וויבאלד איך האב זיך איינגעדרייט ביים ווינקל פון גאס פונעם פאבריק האב איך געזען א מענטש ארויסקומען פונעם פאבריק, ער רייסט אראפ דעם "הילף געזוכט" טאוול פון די טיר און נעמט עס אריין. ער האט אויפגענומען דעם לעצטן אינגל ממש פאר איך בין אנגעקומען! למעשה, אויב וואלט איך באקומען דארט ארבעט וואלט איך נישט געשטאנען דא האלטן דרשות.

ווען איך בין געווען איין און צוואנציג, האב איך געטראכט, "איך בין נישט קיין עפנטליכער רעדנער. איך בין א שעמעוודיגער בחור; איך בין נישט דער טיפ צו רעדן צו מענטשן ברבים. איך וועל קיינמאל נישט קענען אנקומען צו קיין רבנות. וואס זאל איך טון?" האב איך באשלאסן צו פראבירן ווערן א פאבליק סקול טיטשער. אן איינפאל! איך וועל זיין א טיטשער אין פאבליק סקול. בין איך געגאנגען

צום עדיוקעשאן אגענטור און זיך איינגעגעבן. דער מענטש וואס איז געזעסן ביים אויפנאם טיש האט געפרעגט, "וואס טוסטו יעצט?" האב איך געענטפערט, "איך בין א רבנות סטודענט." האט ער מיר געזאגט, "גיי צוריק צו דיינע געשעפטן; גיי צוריק." א גוי האט מיר געהייסן צוריקגיין. איך האב אים צוגעהערט. א מלאך מן השמים.

## דערלייגט אן ארבעטס פאסטן

ווען איך בין געווען פיר און צוואנציג, בין איך שוין ארויס אין די וועלט; אין יענע טעג איז מען שוין געווען א פארטיגער מענטש ביי די פיר און צוואנציג און איך האב געוואלט טרעפן א פאסטן אלס מגיד שיעור. איך האב געהאט א רבי אלס יונג קינד, וואס איך בין געווען זיין באליבטסטער תלמיד און אט דער רבי איז דאן געווען דער הויפט פון אלע תלמוד תורה'ס. איך האב געוואוסט אז אויב איך וועל זיך ווענדן צו אים וועט ער מיר זיכער פארשאפן אן ארבעטס פאסטן.

איך בין געזעסן אין ווארט צימער צו ווערן אונטערוויואירט. עס איז געווען דארט נאך א מענטש וואס איז געקומען אהין זיך איינגעבן פאר דעם זעלבן פאסטן. איך האב אים געקענט פון ישיבה. דער מענטש האט קיינמאל נישט געלערנט. ער האט געשפילט באלא גאנצע צייט. איך האב געלערנט תנ"ך בשעת ער האט געשפילט באל. איך האב געקענט גוט תנ"ך אלס בחור. איך האב גוט געקענט לשון הקודש. דער מענטש האט גארנישט געקענט אויסער שפילן באל.

ער האט באקומען די ארבעטס פאסטן, נישט איך. דאס איז געווען העכער מיין פארשטאנד! אבער ברוך ה' ווייל צוליב דעם בין איך געפארן קיין סלאבאדקע! איך קוק צוריק און איך דאנק דעם באשעפער אז עס האט זיך אזוי אויסגעשטעלט. דער באשעפער האט מיר געראטעוועט נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל. עס זענען דא מער מעשיות, פיל אזעלכע סארט וואו'ן אין מיין לעבן.

## וואס האט דיר געברענגט אהער?

דורך אט די אויספלאנירונגען ראטעוועט דער באשעפער יעדן איינעם פון אונז. וואס איז מיט דיר? וואס האט פאסירט, וואס האט דיר געברענגט זיך צו באטייליגן אין דעם שיעור? פראביר צו צוריקטראכטן אינגאנצן אויף צוריק. טייל פון אייך קומען פון זייער א ווייטער אפשטאם, און אפילו די וועלכע זענען געבוירן געווארן אין א פרומע פאמיליע, צי ווייסט איר דען נישט וויפיל קרובים זענען ליידער פארלוירן געגאנגען? פיל מענטשן וואס האלטן דא מיט דעם שיעור, אויב זיי וואלטן צוריקגעקוקט צו זייער היסטאריע וואלטן זיי געזען אז עס זענען געווען פלאנירונגען וואס האבן זיך אויפגעשפילט אין זייערע לעבנס, וואס האט זיי געראטעוועט. **יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ** - טויזנט זענען געפאלן אויף זייער לינקע זייט און צען טויזנט אויף זייער רעכטע זייט זענען פארלוירן געגאנגען (תהלים צא:ז); אבער איר האט אנגעהאלטן.

דער פאקט אז איר זענט דא ביים שיעור אנשטאט צו זיין ערגעץ אנדערש, איז צוליב געוויסע סיבות. וואס זענען די סיבות? זאכן פאסירן אין אייערע לעבנס. זאגט נישט סתם, "ברוך ה' עס האט זיך אויסגעארבעט," און פטור. אה ניין! איר דארפט צוריקקוקן טריט ביי טריט און עס אפלערנען. פארוואס זענט איר יעצט נישט אין גרינוויטש ווילעדזש? פארוואס זענט איר נישט אין א בעיסמענט ערגעץ אין אינדיע רייכערנדיג חשיש?

דער ענטפער איז, אז דער באשעפער האט געפירט דיינע פיסטריט. דו וועסט טרעפן עפעס א קליינער קנייטש אין די היסטאריע פון דיין לעבן וואס האט דיר געראטעוועט; און דערנאך נאך איינע

און נאך איינע. ס'איז אלעס פון באשעפער! דער באשעפער האט זיינע טאקטיקן און מיר דארפן עס דערזען ווי ווייט מעגליך.

## א גרויסע שטודיע

אוודאי, נישט קיין חילוק וויפיל צייט דו וועסט אוועקגעבן פאר דעם ענין וועט עס בלויז זיין ווי אפקראצן דעם אויבערפלאך. דו קענסט נישט ערווארטן צו פארשטיין אינגאנצן מיט דעם קליינעם מח וואס דו האסט אויף די וועלט - דו האסט נישט די מעגליכקייט צו פארשטיין אלעס וואס גייט פאר.

אין פאל וואס דיין נייגער ווערט ערוועקט און דו וואלטסט געוואלט כאפן א בליק אריין אין די סודות פון די גרויסע חכמה, דארפסטו אויסווארטן ביז נאך דיינע 120 יאר און אויף די אנדערע וועלט וועט זיין א גרויסער פירוש, אן ערקלערונג אויף אלעם. נאר עס וועט זיין גאר א קאמפליצירטער פירוש. עס וועט זיין א רש"י, מיט תוספות, מיט מהרש"א און מהר"ם און אחרונים אויף דעם; עס איז אויסערגעווענליך קאמפליצירט. אבער דארט וועסטו קענען פארשטיין ווי אזוי דער גאנצער פלאן איז אויסגע'חשבון'ט געווארן דורך א בורא עולם מיט אזעלכע הערליכע ערשיינונגען פון ענדלאזע חכמה. און דאן, וויפיל דו וועסט פארשטיין דאן, איז דאס בלויז א שכר; פאר די עבודה, די הצלחה וואס ברענגט דיר אט דעם שכר איז די שטודיע וואס דו מאכסט אויף די וועלט.

## דיין הצלחה אויף אייביג

עס איז א וויכטיגער טייל פון דיין הצלחה אויף די וועלט. די ערציילונג אין די תורה אויף יוסף דינט אלס א ביישפיל אויף יעדן מענטש'ס לעבנס געשיכטע, ווייל דער גורל פון יעדן באזונדער איז פונקט אזוי קאמפליצירט און פול מיט ענדלאזע חכמה ווי עס איז געווען ביי יוסף. די געשיכטע פון דיין לעבן, אויב וועסטו נעמען די מי עס צו איבערגיין און נאכפארשן, וועט דיר באלוינען מיט גאר גרויסע ערקלערונגען און סודות און א געוואלדיגע אנטפלעקונג פארוואס זאכן האבן פאסירט אויף א געוויסן אופן. אויב דו וועסט דורכשטודירן וואס עס האט פאסירט צו דיר פון דיין פריסטן יוגנט ביז יעצט וועסטו זיין איבערראשט אויף דעם וועג ווי אזוי זאכן האבן זיך אויסגעארבעט לויט א געוויסער פלאן.

איך ווייס אז עס הערט זיך מאדנע - ווער טראכט דען אזעלכע זאכן? אבער אצינד לערנסטו אז עס איז א חיוב אויף אן עובד ה'. דו מוזט צוריקקוקן און אפלערנען די וועגן פון באשעפער, די פלענער הינטער די אלע פלענער. פונקט ווי אלעס וואס דער באשעפער האט באשאפן האט א חכמה שאין לא קץ, זענען אויך אלע פאסירונגען אין דיין פריוואטן לעבן צוזאמגעפלאכטן מיט חכמה.

און אויב דו ניצט דיין מח לויט דעם ביישפיל וואס מיר האבן נארוואס געלערנט און דו קוקסט צוריק און גייסט איבער אויף אלע וואו'ן אין דיין לעבן, איז דאס איינע פון די געוואלדיגע הצלחות אויף די וועלט. און דערנאך, ווען די צייט וועט קומען און דו וועסט אנטון דעם קרוין פון חכמה צו וואס די ערליכע זענען זוכה אין עולם הבא, וועט א טייל פון דיין נצחיות'דיגער שכר און שמחה זיין דאס פארשטיין די אלע זאכן אויף דעם טיפסטן אופן וואס מ'קען זיך פארשטעלן.





די שענסטע 'חנוכה מתנה'

פאר אייערע עלטערן, קינדער, אייניקלעך

תורת אביגדור עה"ת באידיש

צו קויפן 10 אדער מער באקומט האלסעיל פרייז 615-680-9029

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה:

**וואס איז א פראקטישע לערע וואס מיר קענען ארויסלערנען פון דעם יום טוב חנוכה?**

### תשובה:

איך וועל אייך זאגן איין וויכטיגע לערע. מיר זאגן פאר'ן באשעפער איבער אונזערע עלטערן וועלכע האבן מלחמה געהאלטן קעגן די יוונים: רבת את ריבם דנת את דינם— "דו, באשעפער, האסט געקריגט זייער קריג, דו האסט גע'משפט זייער שטראף." פרעגט זיך דא א קשיא. עס איז דאך נישט געווען זייער קריג. עס איז נישט געווען דער קריג פון דאס אידישע פאלק. עס איז געווען דיין קריג, באשעפער. ווייל נאך אלעם, זענען די יוונים נישט געווען אינטערעסירט צו הרג'נען די אידן, זיי האבן געוואלט אז די אידן זאלן אויפהערן צו היטן די תורה, דאס אלעס. אויב דאס אידישע פאלק וואלט מסכים געווען זיך צו פירן ווי די יוונים, וואלטן זיי זיך נישט געקריגט מיט זיי. נאר פארוואס האט דאס אידישע פאלק מלחמה געהאלטן? זיי האבן נישט מלחמה געהאלטן פאר זייער זיכערהייט; זיי האבן מלחמה געהאלטן פאר דעם באשעפער'ס ווארט. עס איז געווען פאר כבוד שמים פארוואס זיי האבן געפירט א קריג. אלזא, איז עס נישט געווען רבת את ריבם, עס איז געווען רבת את ריבך – באשעפער, דו האסט געקריגט דיין אייגענע קריג! דו האסט געקריגט דיין קריג!

אבער ניין, מיר זאגן נישט אזוי. מיר זאגן, רבת את ריבם – דו, באשעפער, האסט געקריגט זייער קריג! ווייל אונזערע עלטערן האבן אויסגעפירט וואס מיר זאגן, עשה רצונו כרצונך – מאך דעם ווילן פון באשעפער דיין ווילן (אבות ב:ד). וואס דער באשעפער האט געוואלט, דאס האבן זיי געוואלט! זיי האבן נישט מלחמה געהאלטן בלויז אויף וואס דער באשעפער האט געוואלט; וואס דער באשעפער האט געוואלט איז געווארן זייער רצון, זייער אייגענער ווילן.

דאס איז א געוואלדיגע דערגרייכונג – צו שפירן אז מיר היטן די תורה ווייל דער ווילן פון באשעפער איז אונזער ווילן. נישט נאר וואס מיר טוען דעם באשעפער'ס ווילן, נאר עס איז אונזער ווילן! כי הם חיינו – די תורה איז אונזער לעבן. ס'איז מער ווי אונזער לעבן. מיר זענען גרייט אויפצוגעבן אונזער לעבן פאר די תורה. זעען מיר, אז כאטש וואס זיי האבן געקריגט פאר כבוד שמים, אבער אין די זעלבע צייט האבן זיי געקריגט פאר זייער רצון.

דאס איז גאר א וויכטיגער דערהער. ווי מיר זעען, איז עס נישט נאר געווען רבים ביד מעטים, נאר עס איז אויך געווען רשעים ביד צדיקים. דאס איז א וויכטיגע נקודה! עס איז געווען א קידוש ה' אז די צדיקים האבן געוואונען. עס איז געווען א געוואלדיגער קידוש ה'! ווי עס שטייט, עשית שם גדול בעולמך; ווען צדיקים קריגן א קריג פאר'ן באשעפער, ווען זיי זענען גרייט צו אויפגעבן זייער לעבן פאר'ן באשעפער, דאס מאכט דעם באשעפער'ס נאמען גרויס אויף די וועלט.

מיר זאגן אין די זמירות פון הנרות הללו, על ידי כהניך הקדושים. דער נס איז געקומער דורך די הענט פון די הייליגע כהנים. די כהנים! כהנים זאלן מלחמה האלטן?! כהנים זענען עובדי ה'; זיי האבן נישט צו טון מיט קיין מלחמות. אבער די כהנים זענען ארויסגעגאנגען בחרב וחנית, מיט דעם שווערד און פאנצער, און זיי האבן מלחמה געהאלטן ווייל זיי האבן געקריגט פאר דעם באשעפער'ס כבוד. און דערפאר זאגט דער באשעפער, "דאס איז א קידוש ה'."

דערפאר זענען די נרות חנוכה עדות לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל, אן עדות צו די גאנצע וועלט אז דער באשעפער רוט צווישן דאס אידישע פאלק. ווייל מיר זענען דאס פאלק וואס לעבן פאר'ן באשעפער, מיר לעבן פאר די שכינה. אונזער גאנצער ציל איז נאר כבוד שמים, צו גרויס מאכן דעם באשעפער'ס נאמען.

און דאס איז די גרויסקייט פון חנוכה. עס לערנט אז אונזער פאלק איז איבערגעגעבן פאר כבוד שמים מער ווי סיי וואס מיר וואלטן געשטרעבט צו טון; אפילו מער ווי אונזערע אייגענע לעבנס. מיר לעבן בלויז פאר'ן באשעפער.